STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07318

DOS TSUGEZOGTE VORT

Binem Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינם העלער

דאָס צוגעזאָגטע וואָרט

בינם העלער

דאָס צוגעזאָגטע וואָרט

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תש״ם — 1980

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישׂראל,
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות,
אליעזר פּינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור

הילע — משה בערנשטיין
בילד פון מחבר — אלכסנדר באָגען

©

בינם העלער / דאָס צוגעזאָגטע וואָרט
Binem Heller / Dos Cugezogte Wort
Poems
Printed in Israel 1980

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

פאַרלעש נישט

פֿאַרלעש נישט

פֿאַרלעש נישט דעם פֿלאַם אין די ביינער!
דו ווייסט דאָך: ביַי דיר בין איך איינער.

פֿאַר וואָס זאָלסטו זיַין אַ פֿאַרשווענדער —
מיך וואַרפֿן אויף ס׳ניַי אין פֿאַרענדער?

צו וואָס זאָלסטו דורות באַמיִען?
מע דאַרף אַ מיליאָן אינדערפֿריִען,

מע דאַרף אַ מיליאָן אויפֿדערנאַכטן —
אַזוי פֿיל חלומות, פֿאַרדאַכטן,

און חוץ דעם — נאָך איינעם אַ וווּנדער,
אַז זיַין זאָל איך איינער, באַזונדער. — —

ווערסט פֿירן דורך היצן און קעלטן,
און ווידער מיך בענטשן און שעלטן,

און קלעפּן פֿון פֿרייד און פֿון טרויער
מיַין פּנים פֿון קורצן געדויער,

כּדי איך זאָל זיַין ביַי דיר איינער —
פֿאַרלעש נישט דעם פֿלאַם אין די ביינער!

נעם צו...

נעם צו פון מיר די לויטער־קלאָרע פשטות.
איך וויל נישט וויסן אַלץ און אַבסאָלוט.
דאָס פײַער פונעם לעבן מײַנס פאַראַשט עס
און וואַסער ווערט אַפילו פון מײַן בלוט.

פאַרמעק די שאַרפע קאַנטן פון מײַן ראיה,
פאַרשטעל מיט נעפּל און מיט שטויב דעם סוף,
און רײַס נישט איבער אין די מאָרגנס פרי:ע
דעם נישט־באַשיידטן חלום פון מײַן שלאָף.

דערווײַטער אַלץ, וואָס איז פאַר מיר באַגרענעצט,
פאַרגעס דאָס בלוט און פלייש אין מײַן סקעלעט,
כדי פאַר אַלץ, וואָס וועט מיט מיר געשען איצט,
זאָל קיין מאָל מער נישט ווערן שוין צו שפּעט.

***

אין טעגלעכן איך זוך דאָס אומגעריכטע,
אין אומגעריכטן — סדר פון מײַן טאָג.
מײַן לעבן איז נאָך אַלץ נישט אויסגעגניכטערט
און כ׳ווייס נישט וויפל חלום איך פאַרמאָג.

און אָפּגעמאַכט איך האָב מיט מײַן זכרון,
ער זאָל פאַרלירן דאָס, וואָס איך פאַרגעס,
כּדי דאָס בולטסטע פון מײַנע יאָרן
זאָל בלײַבן דאָרטן אייביק ווי אַ נס.

דער וווּנדער בלײַבט בײַ אים, ווי אין אַ פילטער:
ער שײַנט אַרויס בײַם ליכט פון העלן טאָג,
די ביימער אינעם זונפאַרגאַנג באַגילדט ער,
בײַ נאַכט — דער חלום לייגט אים אויף זײַן וואָג.

סודות

אין יעדן טאָג באַהאַלטן זיך די סודות,
און זיי מגלה זײַן בין איך באַפוילן,
נאָר מיט די שפּרוכן מײַנע און די שווידערס
איך קאָן זיי נישט אַנטדעקן און אַנטהוילן.

די סודות זענען אײַנגעהילט אין הויטן
פון לעבעדיקע בלוטן און געבלעטער,
און ווי די שומרים שטייען שטומע טויטן
און היטן אָפּ די אייביקייט פון געטער.

און אָפט בין איך אַ רגע פאַר אַנטפּלעקן.
אַ רגע פון געפאַר איך גיי פאַרבײַ זיי.
נאָר ס'לויפן אָן די אויסטערלישע שרעקן,
ווען כ'וויל זיי אין דעם העלן ליכט באַווײַזן.

איך האָב שוין אויף דעם טאָג נישט וואָס צו האָפן.
די גוטע נאַכט אַ רמז ברענגט — דעם חלום.
ער פירט מיך. אַלע וועגן זענען אָפן.
און שלאָפנדיק — מיט לעבן איך באַצאָל אים.

ביז צו אַלע סופן

מיליאָנען יאָר אַוועק שוין פונעם דומם —
און אַלע שאַרפע ווייטיקן און פריידן
איך גיב איצט אָפּ צוריק אין מײַנע טרוימען,
ביז ואַנען מיטן וואָרט איך וועל זיך שיידן.

נאָר דאָס וועט זיכער זײַן בלויז אויף אַ ווײַלע:
פון שווײַגן וועל איך ווידער זיך באַפרײַען
און אין אַ קורצן לעבן ווידער אײַלן,
כּדי זיך אויסצוזינגען, אויסצושרײַען.

אַזוי וועט זײַן דאָס ביז צו אַלע סופן:
ביז וואַנען ס׳וועט אַ בליץ מיך איבעריאָגן
דורך וויפל דורות, וואָס כ׳בין אָפּגעלאָפן —
און מיט זײַן ליכט אויף אייביק מיך דערשלאָגן.

יעקבס לייטער

דער לייטער אָנגעשפּאַרט איז אינעם הימל
און בלויז מלאָכים זעט ער אינעם קלעטער,
און ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שיינעם דרימל —
זײַן קאָפּ ליגט אויף אַ שטיין פון יאָרן שפּעטער.

ער שטרענגט זיך אָן דערמאָנען די מלאָכים —
נישטאָ, צעשווומען זענען די געזיכטער.
דאָס איז געווען אַ חלום בלויז, און נאָך אים
דער שטיין בלויז איז דער פּותר און דער ריכטער.

ער וואַנדערט ווײַטער אויפן האַרטן באָדן,
צו אַלע נײַע שטרויכלונגען אַ גרייטער,
נאָר אויף זײַן רוקן איז איצט אָנגעלאָדן
דעם חלומס הימל־גרייכנדיקער לייטער.

פֿאַראַן אַ מלאך

פֿאַראַן אַ מלאך, טוט ער גוטע זאַכן,
און אים שיקט גאָט — ער זאָל מיך איבערמאַכן.

ער לײַטערט מיך, מײַן בלוט זאָל װערן רײנער.
ער גלײַכט מיר אויס די אויסגעקרימטע בײנער.

ער װישט מיר פֿונעם פּנים אָפּ די קנײטשן.
ער נעמט צוריק די אויסגערעדטע רײד שוין.

מיט שלאָף און חלום — פֿונעם טאָג פֿאַרשטעלט ער.
די נעכט ער רעכנט אָפּ מיר פֿון מײַן עלטער.

און דעמאָלט הערן אויף די האָר צו גראָען
און אויף די זײגערס בלײַבן שטײן די שעהען.

ער מעקט אויס די חטאים מיט די פֿליגל —
און דאַן װער איך מײַן אײניקל אין װיגל.

איך בין אַוועק

איך בין אַוועק שוין פון די בונטע בלומען
און זוך די רו אין גראָז, אין שטילן גרין.
פון אַל די און אומענדלעכע אַרומען
איך קום באַלד אָן פונוואַנען צום וווהין.

אין נעפּל איז נאָך אײַנגעהילט די גרענעץ,
וואָס צווישן דאָ און אומבאַקאַנטן דאָרט.
די ביימער שטערן מיר נאָך צו דערזען איצט
די וואַרטנדיקע אינעם פרעמדן פּאָרט.

איך ווייס בלויז איינס: נישטאָ דאָרט קיין קאָלירן.
דער הימל און דאָס וואַסער זענען גראָ,
און קיין שום זאַך קאָן זיך פון אָרט נישט רירן,
און אויפן זייגער פרירט די לעצטע שעה.

פאַמעלעך

איך שפּרינג שוין נישט מער פון אַ הייך אינעם תהום,
פּאַמעלעך איך גיי איצט אַראָפּ אין דער נידער
דורך שאָטנס, וואָס זאַפּן מיך איַין ווי אַ שוואָם —
נאָר זאָלן אַזעלכע נישט זיַין מיַינע לידער!

דאָרט פּרוּוו איך פאַרמעקן דאָס אַלץ מיט איין שטריך,
דאָרט וויל איך אַריבערגיין אַלץ מיט אַן אַנדער,
און שיכּור, און פריילעך, ווי זאָרבאַ דער גריך,
כ׳וויל ענדיקן האַסטיק און שטורמיש דעם וואַנדער.

נישטאָ דאָרט קיין שרעק, און קיין שטער איז נישטאָ. — —
צי בין איך אַרויס דען פון אַלע געפאַרן,
אַז איך זאָל פון איינער אַ שרעקלעכער שעה
זיך לאָזן אין אייביקן חושך פאַרנאַרן?

אויף אַ פּעטליע פון ליכט

און דאָס איז דער האַרבער גזר־דין איבער זיך, וואָס איך שרײַב:
פון פינצטערניש וועל איך כסדר פּאַרמעקט — און איך בלײַב.
מע שלעפּט מיך פון דאָרטן אַרויס אויף אַ פּעטליע פון ליכט,
און טויזנטער יאָרן זיך הוידעט אויף איר מײַן געזיכט.

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אין גילגולים פון פריִער געמאַכט,
צעשטער איך. דער טײַוול בלויז שטייט הינטער מיר און ער לאַכט.
ער ווייסט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אין מײַן לעבן צעשטערט —
אין יענע גילגולים געבויט כ׳האָב אַ מאָל אויף דער ערד.

***

מײַן גאָט, דו האָסט מיר צוגעזאָגט דײַן פּאָרעם,
נאָר ס׳איז דײַן אײביקײט צו האַרט און האַרב.
זי האָט געגעבן מיר די װײכקײט פֿונעם װאָרעם
און זײַן צעטראָטן װערן װען איך שטאַרב.

די ערד מיט איר געצװײַג און איר געפּליטער
איז אונטער דײַנס אַ טראָט צו װײניק פֿעסט.
מײַן אָטעם שטעלט זיך אָפּ בײַ אירס אַ ציטער
און ס׳פּאַלט מײַן מױער װי אַ פֿױגלנעסט.

אין דײַן געשטאַלט — אַנטלױף איך פֿון דײַן צאָרן,
און אױך פֿון דײַן אַכזריות און דײַן שפּאָט.
דו צײלסט מיר צו די אָפּגעצײלטע יאָרן —
ביז װאַנען ס׳װעט צעטרעטן מיך דײַן טראָט.

וואָס זאָל איך טאָן?

ס׳איז נימאס מיר צו זײַן אַליין דער ברונעם
און שעפּן פון דעם שוואַרצן, טיפן דעק
די אומעטיקע ווערטער און ניגונים —
שיריים פון מײַן אומרו און מײַן שרעק.

וואָס זאָל איך טאָן, אַז כ׳זאָל זיי מער נישט הערן?
זיי ציִען מיך, זיי ציִען מיך אין תהום.
איך בין שוין מיד, איך קאָן זיך שוין נישט ווערן,
איך קאָן שוין מער נישט שווימען קעגן שטראָם.

און נאָכצוגעבן — לײַכט איז, נאָר דערווידער,
און אָפּגעווױנט בין איך דערפון שוין לאַנג.
איז בעסער אײַנצוזינקען שוין אַ מידער
אין אומעטיקן אָפּגרונט פון געזאַנג.

און אפשר וועט פון דאָרט, פון דנאָען שטילע,
באַווײַזן זיך דאָס אָפּגעהיטע ליכט? —
אַ לויטער ליד וועט, ווי אַ וואַסער־ליליע,
אַרויפגיין פון דעם חושך אומגעריכט.

בלעטער פונעם קאַלענדאַר

איך רײַס די בלעטער פונעם קאַלענדאַר,
און פֿאַלנדיק — זײַ רײַסן פֿון מיר שטיקער.
די שעהען קלינגען אַלע אויף געפֿאַר:
— נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ מער קיין צוריקקער!

איך האָב מיט דער אַכזריותדיקער צײַט
געראַנגלט זיך, ווי יעקב מיטן מלאך,
נאָר נישט באַזיגט איר דויער און באַטײַט —
און איצט אין איר פֿאַרגאַנגענהייט פֿאַרפֿאַל איך.

און דאָרט — אַ פֿרעמדע איז פֿאַר מיר די וועלט
און אומבאַקאַנטע זענען די געזיכטער.
אַ קאַלטע שײַן פֿון אַלע זאַכן העלט —
און בלויז צום טויט פֿאַרמשפּט דאָרט דער ריכטער.

⁂

פאַר דינה

די קורצע לידער זענען ווי די זיפצן —
איך שרײַב זיי מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם.
און דאָך, די אַלע ריטמישע געשריפטסן
דערציילן מײַנע סודות מיט די פּרטים.

די קורצע לידער האָבן נישט קיין נעמען,
נאָר שטערנדלעך, וואָס לײַכטן צו פון אויבן.
און אונטער זיי — די סטראָפעס, ווי די רעמען
פון פענצטער ליידיקע, מיט אויסגעהאַקטע שויבן.

די שויבן וועל איך קיין מאָל נישט פאַרריכטן,
די פענצטער וועלן אייביק בלײַבן אָפן.
אויף וועלכע געסט האָב איך זיך דען צו ריכטן?
אויף וועמען קאָן איך וואַרטן נאָך און האָפן?

דטן מאַי 1979

***

די שפּעטערדיקע יאָרן ווערן פול מיט סוד —
דערפאַר האָט אָנגעהויבן צעגערן מײַן טראָט.

איך שטעל זיך אָפּ בײַ יעדן פּראָסטן שטיין,
ער זאָל מיך לערנען ווי צו זײַן אַליין.

איך האַלט זיך אויף בײַם סאַמע לײַכטסטן ווינט,
צו הערן אים, ביז וואַנען ער פאַרשווינדט.

איך קלאַמער זיך פאַר נאָך אַ קאַרגן טאָג,
וואָס טיילט מיר צו דאָס ליכט, ווי אויף דער וואָג.

דער שאָטן גייט פאָרויס, און ער פאַרשטעלט.
איך ווער פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער וועלט.

און שפּעטער, אין דער שטערנדיקער נאַכט,
אין קאַסטן פון דער אייביקייט פאַרמאַכט —

אַ שעפּטשען פון דער שטילקייט איך דערהער:
— אין לעצטער רגע זאָג, ווער ביסטו, ווער?

— איך בין דער טרויער פון אַ גרויסן סוד —
די שטאַרבנדיקע שטענדיקייט פון גאָט.

***

דעם אָנדענק פֿון חוה סלוצקאָ

די צײַט — זי לויפֿט צום שנעלסטן ווען איך שווײַג.
די שטילקייט איז דער ציל פֿון איר געיעג.
איך ווער זיך, און דאָס וואָרט איז מײַן געצײַג,
וואָס אַרבעט אויס דעם דויער פֿון די טעג.

פֿאַרווייען וועלן ווינטן מײַנע טריט,
פֿאַרדעקן זייער שפּור מיט מידבר־זאַמד,
נאָר נישט פֿאַרהיילן וועט די צײַט דעם שניט,
וואָס איך האָב אויף איר פּנים אויסגעגראַמט.

און ווען איך וועל אויף שטויב שוין זײַן פֿאַרשוווּנדט,
ווען קיינער וועט נישט וויסן מײַן געשטאַלט —
דאָס ליד וועט בלײַבן ווי אַ מאָנומענט
פֿאַר טעג, וואָס ווערן זיך צו ווערן אַלט.

מיט אַלע צייכנס...

מיט אַלע צייכנס פון מײַן דיבור
איך זוך אַ וועג צום גרויסן סוד,
און איין וואָרט בלויז עס בלײַבט מיר איבער:
— גאָט.

מיט אַלע שימות און צירופים,
מיט אַלע נעמען וואָס ער האָט,
מיט אַלע ליבשאַפטן איך רוף אים:
— גאָט!

קאָן זײַן, אויף יענער זײַט פון זינען,
ווו ס'איז נישט חל מער קיין פאַרבאָט,
אַז דאָרט בלויז וועל איך אים געפינען,
גאָט.

קאָן זײַן, אויף יענער זײַט פון ניגון,
דאָרט ווו מע הערט נישט מער מײַן טראָט,
דאָרט וועט ער ווערן אויסגעשוויגן,
גאָט.

קאָן זײַן, אַליין, אויף שלאָס און ריגל,
באַפרײַט פון לויב, באַפרײַט פון שפּאָט,
דערזען וועל איך אים אין מײַן שפּיגל,
גאָט.

***

דאָס ביסל לשון, וואָס איז מיר געגעבן,
איז אויסגערעכנט אויפֿן גאַנצן לעבן.

נאָר איך אַליין, איך וויל זיך איבערשטײַגן —
און רעדן דעמאָלט, ווען מײַן מויל וועט שווײַגן.

ווער טרײַבט דערצו? צי וועל איך דען דערשפּירן
די האַנט, וואָס וועט מיך זוכן אין פּאַפּירן?

צי וועל איך דען פֿאַרלענגערן מײַן בלײַבן
מיט דעם, וואָס כ׳וועל אין זיבעציק פֿאַרשרײַבן?

איך חזר איבער יעדן טאָג דאָס פֿרעגן,
איך זוך דעם ענטפֿער אויף די זעלבע וועגן,

ווו כ׳האָב אים שוין געזוכט און נישט געפֿונען —
און טאָג נאָך טאָג פֿאַרגייען מײַנע זונען.

דעם ענטפֿער לייג איך ווידער אָפּ אויף מאָרגן.
ער בלײַבט אין נעפּל פֿונעם טויט פֿאַרבאָרגן.

דער אמת איז...

דער אמת איז... דער אמת טוט מיר ווי.
דער אמת פירט מיך אָפּט אַראָפּ פון זינען.
איך בין ביז איצט דער איינציקער וואָס ווייסט,
אַז אויך אין ליד איז שווער מיך צו געפינען.

דאָס וואָרט, וואָס פוצט זיך אויס און מאַכט זיך שיין,
דער שטילער ניגון, וואָס קאָן אַלץ פאַרגלעטן,
דאָס אָפענע געלעכטער און געוויין,
די פּאָזע פון דערוויילטקייט ביי פּאָעטן —

זיי ציִען אָן אויף מיר אַ שיין פון גוטס,
און אויף די פנימער אַרום — באַוווּנדער.
דער אמת איז, אַז דאָס קומט אויך צו נוץ
פאַר יענעם, וואָס וויל זיין מיט זיך באַזונדער.

און וואָס איז מיין פאַרענטפער און מיין טרייסט? —
מע זאָל מיר כאָטש די איינזאַמקייט פאַרגינען. — —
דערווייל בין איך דער איינציקער וואָס ווייסט,
אַז אויך אין ליד איז שווער מיך צו געפינען.

דער נײַער טאָג

די ערשטע רגע, ווי נאָר איך דערוואַך,
און כ׳בין נאָך נישט געקומען צו דער שפּראַך,
און כ׳האָב נאָך נישט דערקענט דעם וועןְ־און־ווו —
אָן אָנשפּאַר אין דעם נײַעם טאָג איך זוך.
מײַן טראָט איז וואַקלדיק. ווו איז דער שפּרוך,
וואָס פֿירט אַרויס פֿון גליווער און פֿון רו?

ערשט ווען איך עפֿן אויף דאָס מויל און זאָג
דעם נאָמען און דעם ציפֿער פֿונעם טאָג,
און ווידער ווער איך מיט דער וואָר אויף דו —
דעם נײַעם טאָג צום לעבן איך פֿאַרבינד,
איך טרוי אים אָן, איך גלייב אים טרײַ און בלינד,
און בענטש אים מיט די ווערטער: „ברוך הוא״.

זכּרון

מײַן טײַערע דו, װעסט מיך ליב האָבן שפּעטער.
איצט קומט דער זכּרון. ער צײלט אױף צוריק.
איצט דאַרף ער מיך האָבן אין גאַנצן, איצט בעט ער
בײַ מיר בלױז דעם אָטעם פֿון װאָרט — די מוזיק.

לאָז איבער אַלײן אױף אַ װאָך, אױף אַ יאָר.
דײַן ליבשאַפֿט אַפֿילו װעט גאָרנישט דערגײן.
פֿון לעבן איז עפּעס געבליבן נישט קלאָר
און הענגט צװישן פֿרײד און געװײן.

און נאָר דער זכּרון — ער ברענגט דעם באַשײד,
נאָר ער װעט געפֿינען אַ מינדסטן באַװײַז:
אַן אײנציקער אות האָט געפֿעלשט מײַנע רײד,
אַ רגע געװוען איז דער גרײַז.

באַהיט

פון שוואַכקייט און עלטער באַהיט און באַשיץ —
און הרגע מיך בעסער אַוועק מיט אַ בליץ.

לעש אויס מײַנע אויגן אין פולקייט פון ליכט,
מײַן לעבן נעם צו אויף אַ מאָל, אומגעריכט,

און לאָז נישט קיין צײַט אויפן לעצטן געבעט —
איך וויל דאָ נישט בלײַבן אַ רגע צו שפּעט.

נישט גוט איז צו גיין פון דער וועלט ווען מ׳איז יונג,
ווען ס׳בריט נאָך דאָס וואָרט, ווי אַ קויל אויף דער צונג.

נאָר ערגער, נאָך ערגער, איז שטאַרבן צו שפּעט,
ווען אַלץ ביזן סוף איז דערציילט און דעררעדט.

מיטן נאָענטסטן וועג

איך גיי צו דעם ליד מיטן נאָענטסטן וועג
און דאַך, אַזוי זעלטן אַהין קום איך אָן.
די ווערטער, ווי שטיינער, איך מעסט און איך וועג,
ביַי יעדן — אַ טייל פונעם אמת איך מאָן.

איך פּרוּוו זיי מיט קלעפּ. אַ פונק נאָך אַ פונק
אַ בלענד טוט די אויגן, פאַרבלענדט און פאַרשווינדט.
נאָר דאָס איז גישט מער ווי אַן אָנהייב, אַ ווונק,
און ווידער אין מיטן פון טאָג ווער איך בלינד.

און ווידער איך זוך, און איך פּרוּוו, און איך מעסט
דאָס ריכטיקע וואָרט פאַר דעם איינציקן מיין.
אומזיסט! איך קום אָן, מיַינע ליפּן — פאַרפּרעסט,
און הינטער די ליפּן — דאָס שטומע געוויין.

***

און אַז די פֿאַרבן וועלן זיך צעשווימען,
וועל איך די וועלט דערזען ווי דורך אַ טרער,
און דעמאָלט וועט דאָס זײַן פֿאַר מיר אַ סימן,
אַז פֿון דעם אויג קאָן איך פֿאַרלאַנגען מער.

און אַז די שטריכן וועלן זיך צעגיסן,
וועל איך דערזען אַ גאַנצן דעם באַשאַף,
און דעמאָלט, אפשר, וועל איך זיך דערוויסן,
אַז אמת זאָגט מײַן בליק בלויז ווען איך גאַף.

נאָר אַלע קוקערס וועלן דאָס פֿאַרבײַגיין
און זוכן פֿון פֿאַרשטענדלעכקייט דעם עק,
און קיינעמען וועל איך נישט איבערצײַגן,
אַז גאָט איז אומבאַגרענעצט ווי אַ פֿלעק.

⁂

צי זענען אויסגעשעפּט שוין אַלע פרײדן
און גאָרנישט איז געבליבן אויפן דנאָ,
און ווערטער בלויז פון אומעט און זיך שיידן
איך וועל איצט שעפּטשען אין דער לעצטער שעה?

אין וויפל לענדער האָט מען שוין פאַרשריבן
דעם טאָג פון מײַן געבוירן און דאָס יאָר!
און דאָס איז אַלץ, וואָס איז נאָך מיר געבליבן —
פאַרגרויט און אָפּגעמעקט, ווי מײַנע האָר?

און איך האָב דאָך געהאַלטן זיך אין שאָטן
און יעדן טראָפּן יוגנט אָפּגעהיט,
און מײַן אמונה איז נאָך אַלץ געראָטן
צו דער נאַיִווקייט פון דעם ערשטן ליד.

און שפּאַנענדיק — מיר דוכט זיך, אַז אַ יונגער
איך גיי זיך ווידער שלאָגן מיטן ווינט,
און פּונקט ווי דעמאָלט — נאָך דעם ליכט איך הונגער,
און אים צוליב כ'בין גרייט צו ווערן בלינד!

נעפּל

אַ נעפּל איז געווען אויף מײַנע וועגן.
און וויפל ס׳האָט דער ווינט זיך נישט באַמיט,
און וויפל ס׳האָט נישט אָפּגעשווענקט דער רעגן —
איז נאָך נעגוג געבליבן אין מײַן ליד.

און אין דעם נעפּל פּרווו איך צו אַנטרינען,
ווען פון די ווערטער ווער איך מאַט און מיד.
איך דאַרף אַ מאָל, מע זאָל מיך נישט געפינען
אַפילו אין מײַן ליד.

נאָך אַ פּרוּוו

די ערד איז אַלץ נאָך רייצנדיק און רונד —
אַ לעבן לאַנג באַצווינג איך און באַוויַיז זי.
איך זעגן זיך מיט דיר, פאַרבלײַב געזונט!
דאָס וועט שוין אפשר זײַן מײַן לעצטע רײַזע.

מיט מײַנע שטרויכלדיקע קליינע טריט
איך פּרוּוו זי צו באַהערשן און באַקרײַז זי.
דעם טרויער און די ליבשאַפט נעם איך מיט —
דאָס וועט דאָך אפשר זײַן מײַן לעצטע רײַזע.

ניין, אַנדערש! — איצטער מאַך איך נאָך אַ פּרוּוו.
די ערד — מיט יעדן אומקרײַז איך באַגײַ זי.
איך גיי. מיך לאָקט די פרעמד, איך הער איר רוף.
צי וועט דאָס טאַקע זײַן מײַן לעצטע רײַזע?

די שטילקייט קומט

גע בענטשטע שטילקייט פון די ווײַטע ערטער!
דאָרט קאָן מען הערן ווי עס גרינט און בליט.
דאָס איז די שטילקייט ערב יענע ווערטער,
וואָס האָבן ליב דעם ניגון פון אַ ליד.

זיי פאַלן צו, פאַראייניקטע אין גראַמען,
באַהאַפטענע אין אייביקן פאַרגעס,
ווי צוויי פאַרליבטע בײַ דעם זײַן צוזאַמען —
נאַטירלעך, און איינמאָליק ווי אַ נס.

די שטילקייט קומט. און באַלד וועל איך דערהערן
פון ווערטער ייִדישע דעם פליגלפאָך.
באַשער מיר, גאָט, זיי זאָלן איצט זיך מערן —
און איך זאָל בלײַבן הונגעריק צו נאָך!

געירשנט

אַ נײַער אָנהייב

עס טרעפֿט אַ מאָל, אַז נאָך אַ לאַנגן וועג,
ביים אָנהייב פֿון אַ נײַעם וועגד־און־קער,
דער אומקוק איז אַן אומגעריכטער פֿרעג:
פֿון וואַנען קום איך פּלוצעם דאָ אַהער?

דער מרחק איז אַזוי פֿיל מאָל פֿאַרווישט
פֿון זון און נאַכט, פֿון נעפּל און פֿון ווינט,
און ווי דער שטויב — געוואָרן איז צו נישט
דער מײַלנשטיין, וואָס צייכנט און פֿאַרבינדט.

אַ רגע בלויז געדויערט דער פֿאַרגעס —
אַן אָפּריס צווישן הימל און דער ערד.
אין יענעם אויגנבליק געשעט אַ נס:
אַ נײַער האָריזאָנט וואַקסט אויס און ווערט!

אַ נײַער אָנהייב! אומרו און דערוואַרט
צעטיילן ווידער צווישן זיך די טעג.
און שווײַגנדיק, דאָס מויל פֿאַרשלאָסן האַרט,
איך לאָז זיך ווידער אין אַ ווײַטן וועג.

***

אַזוי פיל ווייטיק האָט מײַן לײַב געקנאָטן,
געשטאַנען בין איך פאַר אַזוי פיל תּהומען,
און דאָך איז אין מײַן לשון מיר פאַרבאָטן
די גרוילן אָנצורופן בײַ דעם נאָמען.

איך היל אין נעפּל אײַן די שאַרפע ווערטער,
זײַ זאָלן מײַנע ליפּן נישט צעשנײַדן,
און דעמאָלט ערשט, אין זיך אַן אײַנגעהערטער,
איך בין אין שטאַנד די שרעקן אויסצומײַדן.

נאָר ווען מיט שעפּטשענדיקע רייד איך שילדער
די ווייטיקן, וואָס האָבן ליב צו שרײַען —
די מענטשן ווערן פון דער שטילקייט ווילדער
און קאָנען פון דעם גרויל זיך נישט באַפרײַען.

די נײַע יאָרן

אַדורכגעוואָרעמט האָבן אים כאַמסינען,
און דאָך, זײַן ווייטיק גייט זיך נישט פונאַנדער.
אויך דאָ, און איצט, איז לײַכט אים צו געפינען,
ווײַל אויף זײַן פּנים זעט מען נאָך דעם וואַנדער.

די נײַע יאָרן שלינגען אים, פאַרשלינגען,
און ער לעבט אין די חרובע אַמאָלן.
צום קלאָגן ענלעך איז נאָך אַלץ זײַן זינגען —
זײַן וויינען הערט נישט אויף צו ווידערקולן.

די קליידער זײַנע שפּירן זיך מיט אַשן,
אין זײַנע אויגן שאָטענען די אֵימהס,
זײַן פּנים איז פון שטויב נישט אָפּצוּוואַשן
און זײַנע לידער זענען געל ווי שיימעס.

אין יעדן חלום קומט ער אָן קיין פּוילן
און זעצט זיך אין די גרוזן אויף אַ שינע,
און נאָך אַ מאָל ער הייבט דאָרט אָן צו הוילן
זײַן אייביקע און נישט געשטילטע קינה.

נאָכן ברענען

איך האָב געזען ווי ס׳ברענען די געביַיען,
געהערט ווי אינעם פיַיער פייגל שריַיען.
איך בין אַוועק פון וואַרשע דער פאַרברענטער
און אין דער פרעמד געוווינט אַ נישט דערקענטער.

אין יענער פרעמד, דער רוסישער און האַרטער,
בין איך געווען נישט מער ווי אַ דערוואַרטער.
מען האָט קיין גוטס דאָרט נישט געוואָלט מיר זאָגן,
מיַין פנים האָט מען נישט געוואָלט פאַרטראָגן.

קיין וואַרשע, צו די קופּעס אַש און ביינער,
צוריקגעקומען לעבעדיק כ׳בין איינער,
און אַלע ליבע מיַינע, נאָכן ברענען,
מיַין פנים האָבן נישט געוואָלט דערקענען.

ווער איז ער?

עס טרעפט, אַז ער גייט אויף דער אַלענבי־גאַס,
און פּלוצלינג — דער אָטעם אים טוט אַ פאַרשפּאַר.
ער פילט, אַז עס שטיקט אים דער דײַטשישער האַס —
פון וואַרשע דערגרייכט אים די געטאָ־געפאַר.
אַרײַנוואַקסן וויל ער אין יעטווידער וואַנט,
אַן אָרט צו באַהאַלטן זיך ווידער ער זוכט,
אויף ס'נײַ זיך פאַרבאָרגן ער וויל פון דער שאַנד —
דער פּחד איז וואָרהאַפט און נישט אויסגעדוכט.

און שפּעטער, אין מיטן דער שלאָפלאָזער נאַכט —
דעם פּלאַן פון אַ בונקער ער קלערט אויס בסוד.
דאָרט וועט ער פאַרבלײַבן אויף אייביק פאַרמאַכט
און קיינער וועט מער נישט אַרויף אויף זײַן טראָט.
דאָס פײַער פון קריג וועט צו אים נישט דערגיין
און אויך נישט דאָס שלעכטס פון די מענטשלעכע הענט.
און לעבן ער וועט דאָרט אין גאַנצן אַליין
ביז וואַנען דאָס רשעות וועט ווערן פאַרלענדט.

ווער איז ער? — מע זאָגט, אַז דאָס איז אַ פּאָעט,
וואָס שרײַבט זײַנע קינות, ווי לידער, צום גראַם.
ווען ער וואָלט משוגענע רייד בלויז גערעדט,
מען וואָלט זיי נאָך בעסער פאַרשטאַנען מסתּם.
אָפּט ווערט ער געפּרײַזט פון די חשובע לײַט,
וואָס זענען צום ווייטיק פון וואָרט זײַנעם טויב.
דאָס ליד פון זײַן פאָלק דעם געהרגעטן שרײַט,
און זע: מע פאַרדעקט עס מיט געלט און מיט לויב!

⁂

די שטורעם־כמאַרע האָט זיך שוין דערווײַטערט.
אָן דונערן דערגרייכן אירע בליצן.
דער הימל איבער מיר איז אויסגעלײַטערט
און מיט זײַן בלאָקייט וויל ער מיך באַשיצן.

נאָר אין דער לופט דערפיל איך יענעם ריח,
וואָס איז פון יעדן אַנדערן געטרײַער.
אין אויסגעמיש פון שטויב און רעגן שטיי איך
און ווייס: ער איז אַדורך אויך דורכן פײַער.

צו וועמען האָט דער ריח זיך געריסן,
און דורכגעריסן פײַער און געוויטער? —
פון זינט דעם ברענענדיקן חודש ניסן
בין איך זײַן יורש און זײַן היטער.

ערד־ציטערניש

צו אָפּט ציטערט איצטער די ערד.
און אויך ווען אין דרויסן איז שטיל
איך הער דעם וויבריר
פון אַ קנויל,
וואָס קײַקלט זיך טיף אין תּהום
און פּויקט אין דעם ברוק אונטער מיר.
צי איז דאָס דער דונער פון טריט,
דאָס פּויקן פון פיס
דורך צענדליקער יאָרן —
דורך יאָרן אָן נעכט און אָן טעג?

זיי גייען
פון אוישוויץ, פּאָנאַר און מאַידאַנעק.
זיי גייען
און ס'ציטערט די ערד אין די גרונטן.
ווער פירט זיי דאָרט אונטן?
ווער איז זייער מנהיג?
צי וועלן זיי וויסן דעם וועג
אין חושך
פון יאָרן אָן נעכט און אָן טעג?

הערט דעם דונער פון טריט,
דאָס פויקן פון פיס,
הערט:
זיי גייען נאָך אַלץ און זיי זוכן.
לאָמיר זיי עפענען דעם וועג,
לאָמיר זיי עפענען די ערד!

קולות

ווי שווער איז צו טראָגן אין זיך דאָס געדענקען, ווי שווער!
דער זכר פאַראַן איז אַפילו ביי מיר אין געהער.

דאָרט סטייעט פאַר אַלעמען אָרט, און פאַר יעדן — זיין קול.
די קולות דערקען איך באַזונדער, אַזוי ווי אַ מאָל.

פון ווייטן זכרון זיי קומען אָן פריש און צעבליט.
זיי גייען נאָך איצטער אַריין אינעם ריטעם פון ליד.

און מיינסטנס איך הער זיי, ווען כ'בלייב מיט דער שטילקייט אַליין —
און יידיש ווערט דעמאָלט דאָס לשון פאַר זייער געוויין.

די וואַנט

עס טרעפט, אַז אין זומער, אין מיטן דער חמימה,
איך ברי מײַנע טריט אין די זאַמדן און שטיינער,
און הער איבער טויזנטער יאָרן אַ שטימע,
וואָס גרייכט מיך בלויז דעמאָלט, ווען איך בין דאָרט איינער.

און ווען איך קום אָן צו דעם שער־האריות
און זע דאָרט די צלמים, און זע די קופּאָלן —
פֿאַרבלײַבט מיר אויף ס׳נײַ פּאַר די הונדערטער טרויערס
די איינציקע וואַנט פֿון די ווײַטע אַמאָלן.

איך הייב אָן צו גלייבן אין יענער לעגענדע,
אַז דאָרט האָט אַ מוסלאָמער רײַטער צעטראָטן
דעם גרעסטן משורר פֿון ספרדישע לענדער —
און איך בין געבליבן זײַן שאָטן.

די שיך

ער איז אַוועק אין יענעם יום־הדין,
כּמעט ווי אָן אַ וואָרט און אָן געזעגן,
און אויף צו מאָרגנס, באַלד פון דעם באַגין
דאָס פײַער האָט געפרעסן אַלע וועגן
און אָפּגעמעקט די שפּורן אויף צוריק.
ערשט נאָכן אונטערגיין פון פּופּצן זונען —
געקומען איבער אַ פאַרברענטער בריק —
אים האָבן די חברים אָפּגעפונען.

ער איז נאָך אַלץ געלעגן אינעם טאַנק —
די פינגער אינעם רודער אײַנגעקנוילטע.
אַ שלאָג געטאָן האָט דער בענזין־געשטאַנק
פון ביינער און פון רעדער די פאַרקוילטע.
און בלויז די פיס געבליבן זענען גאַנץ,
אויף זיי — די שיך, נאָך מיט די שנירן־עקלעך,
אַפילו נאָך מיט שפּורן פונעם גלאַנץ —
און דווקא דאָס געווען פון אַלץ איז שרעקלעך.

נישט געזעטיקט

ביז איצט בין איך געבליבן נישט געזעטיקט
פון פאַסנע עסן און פון ווייניק ווערטער.
אויף יעדער פרייד קום איך נאָך אָן פאַרשפּעטיקט,
און ווו מע לאַכט — בין איך אַ נישט דערהערטער.

און אָפט בין איך אין גאַנצן אַ פאַרפעלטער —
בײַ קיינעם וויל איך מער קיין גוטס נישט באָרגן.
אַליין איך לערן זיך צו ווערן עלטער
פון מײַנע שטילע אומעטן און זאָרגן.

אַ דינער נעפּל וואַרט אויף מײַנע יאָרן.
זיי גייען אין דער גראָקייט זיך פונאַנדער.
אַן אָפּגעמעקטער ווערט דאָרט מײַן זכּרון —
און צווישן צײַטן הייב איך אָן דעם וואַנדער.

די טרײַסטע

ווו זענען זיי אַלע, די נאָענטע פֿרײַנד,
וואָס האָבן מיט מיר זיך געפּרייט און געליטן? —
אַ העלפֿט איז שוין דאָרט ווו די שקיעה פֿאַרשײַנט,
די אַנדערע העלפֿט האָט אין פֿײַנט זיך פֿאַרביטן.

צי איז דאָס די צײַט פֿונעם בלײַבן אַליין,
די שרעקלעכע צײַט פֿונעם ווערן פֿאַרלאָזן?
איך פּרוּוו נאָך דאָס לעצטע: מיט נעגל און ציין
צו קלאַמערן זיך אין דיביימער און גראָזן.

זיי זענען די טרײַסטע פֿאַר מיר אויף דער ערד —
מײַן שוץ און פֿאַרצוים אויפֿן ראַנד פֿונעם טרויער.
פֿון זיי ווערט מײַן תּפֿילה־אָן־ווערטער געהערט,
אין זיי איך באַהאַלט זיך פֿון מענטש און זײַן לויער.

⁂

איך מוז כסדר האַמעווען דעם צאָרן,
און אויך די הייסע ליבשאַפט איז דערווידער.
די ווערטער זענען וואַסערדיק געוואָרן,
און אָפּגעבליאַקעוועטע, ווי אין סידור.

ווײַל ווער דאַרף מיך דען איצט מיט מײַן געבייזער?
און וועמען וועל איך מוסרן און שטראָפן?
איך וואַרט שוין אויפן לעצטן — דעם דערלייזער,
נאָר ער קאָן וועקן זעקס מיליאָן, וואָס שלאָפן.

און וועמען, וועמען זאָל איך זיך דערקלערן
אין ליבע אויף מײַן אַלטן שיינעם לשון?
אויף יעדער איינער שפּראַך מע וויל דאָס הערן,
און בלויז אויף יידיש איז דאָס אויסגעדראָשן.

איז — דבר אל העצים ואל האבנים
און חבר זיך מיט אַלע שטומע זאַכן.
זיי זענען נישט קיין הערערס און נאַראָנים,
דערפאַר פאַרשטייען זיי די טויטע שפּראַכן.

דער חלום פֿאַרשטייט

דעם אָנדענק פֿון מײַן פֿרײַנד משה זאַיאָנץ

דעם שטומען, מײַן גאָט, דו פֿאַרשטייסט,
נאָר קיינער פֿאַרשטייט נישט מײַן לשון.
דאָס רעדן צו זיך איז די טרייסט,
ווען קיינער אַרום איז נישטאָ שוין.

איך ניי פֿאַר מײַן חלום אַ קלייד
פֿון צאַרטע און ייִדישע ווערטער.
בלויז איינער, בלויז ער, מיך פֿאַרשטייט —
אַפֿילו מײַן שעפּטשען דערהערט ער.

און דאַן, ווען עס קומען די פֿרײַנד,
איז קודם דערלאַנג איך זיי כּיבוד,
און שפּעטער טרעט אויף און דערשײַנט
מײַן חלום, וואָס פֿרייט זיך און כליפּעט.

די מענטשן, פֿון צויבער פֿאַרבליפּט,
פֿאַרפֿולן די אויגן מיט טרערן.
געצוווּנגען איך האָב מיט מײַן שריפֿט,
זיי זאָלן מײַן חלום דערהערן.

***

אַזאַ איז דאָס ליד פֿון אַ ייִדישן דיכטער,
וואָס האָט אָפּגעבלאָנדזשעט זײַן זינגענדיק לעבן.
מיט אַלע תּחנונים און ריטמען פֿאַרריכט ער
די זינד, און ער האָפֿט, אַז זי איז צו פֿאַרגעבן.
און דאַן, ווען די פֿרייד מיט די טרערן צוזאַמען
זיך קומען צונויף אינעם האַלדז און זיי שטיקן,
דערפֿילט ער אין ווערטער די אייביקע טַעמען
און גלייבט אינעם ליד צו געפֿינען זײַן תּיקון.

אַ שפּליטער

פּרץ מאַרקישס אָנדענק

אַ שאַרפֿע שורה, ווי אַ שפּליטער
פֿון זײַנע שפּיגל־שערבלעך,
אַרײַן איז אין מײַן לידער־ציטער
און ווייטיקט דאָרט אומשטערבלעך.

איך זע: אַ האַנט איז אויפֿגעהויבן
אַריבער אים און דראָט אים.
אַ בראָך וועט מײַן געהער פֿאַרטויבן,
פֿאַרכאַפּן מיר דעם אָטעם.

איך קוק אַרײַן אין שטיקל שפּיגל —
אין שפּליטער איך דערמאָן אים:
דאָס רויטע מויל זײַנס, ווי אַ זיגל,
פֿאַרחתמעט דאָרט זײַן פּנים.

נאַראַיעוו

א

נו, ס׳ווערט פון מיר שוין אויך אַ לײַט —
איך בין שוין באַלד בײַם קלאָרן זינען.
איך קאָרג און זשאַלעווע די צײַט
און שטיי אויף אין דער פרי באַגינען.
מײַן אויג מיט פרישקייט איך דערקוויק
און יעדעס וואָרט פאַרשמעקט מיט שחרית.
איך זוך די קליינע רגע גליק
ווען יעדער טראָפּן טוי נאָך וואַך איז.

נאָר ווו? די קליינע רגע גליק
איז אין די טויען נישט צו זוכן.
מיט מער ווי דרײַסיק יאָר צוריק
האָב איך פאַרלוירן זי אין ברוכן.
איצט ליגט דאָרט אין דעם אַש־און־שטויב
די פרייד, וואָס כ׳האָב אַ מאָל געכאָוועט
און דורך אַן אויסגעהאַקטער שויב
איך קריך אַרײַן אין וויסטן עבר.

ב

איר ווייסט אַליין דאָס מן הסתם:
געווען ביַי אונדז אַ דיכטער־אַדיר
(איר טרעפט אַוודאי לויטן גראַם,
אַז מיינען מיין איך משה נאַדיר).
אַ משורר — ווער מיר גיטס גינט!
און פול מיט סתירות און מיט נעפּל,
און פול מיט ליבשאַפט פון אַ קינד
צו די נאַראַיעווודיקע עפּל.

און ווען דער זיסער סענטימענט
איז אים אין ניו יאָרק־כּרך באַפאַלן,
האָט ער אים בליצנדיק געברענט
מיט אַלע חוזקדיקע גאַלן.
אומזיסט! אַ וואָרט האָט זיך געשטעלט
אַקעגן קלוגע רייד קאַפּויער:
נ אַ ר אַ י ע ו ו איז געווען די וועלט
פון אַלע פריידן אין זײַן טרויער.

זײַן דענקמאָל

וווּ וועט ער שטיין, דער דענקמאָל פֿאַר אַ ייִדישן פּאָעט?
ווער וועט אין בראָנדז און שטיין אים אײַביקן, ווער וועט?

נישטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אים אויף אונדזער גרויסער ערד.
אין וואָרט, און בלויז אין וואָרט, איז לעבן אים באַשערט.

אין וואָרט, און מיט דעם וואָרט, אין פֿרעמדעניש ער שוועבט,
נאָר אַנדערש, גרעסער ווערט זײַן מאָס — ער וואַקסט און לעבט.

און איבער בראָנדז און שטיין שטײַגט אויף זײַן ווערט,
אויב נישט נאָך העכער — איבער גאָר דער ערד.

די אַלע ווערטער

די אַלע ווערטער, וואָס איך האָב געשטאַמלט
און שפּעטער פון דער נעפּלשפּראַך געקליבן —
איך האָב מיט מי און ליבשאַפט אײַנגעזאַמלט
און אויף די בלעטער פון אַ בוך פאַרשריבן.

דאָס בוך שטייט אײַנגעפּרעסט איצט צווישן בענדער.
די אַלע ווערטער שטיקן זיך אין ענגשאַפט.
זיי האָבן אײַנגענומען גאַנצע לענדער,
נאָר צווישן טאָוולען שטאַרבן זיי פון בענקשאַפט.

מיט יעדן טאָג זיי ווערן בלאַסער, בלייכער,
און זאַפּן אײַן זיך אין די געלע בלעטער.
די שוואַרצע פאַרב לאָזט איבער בלויז אַ זכר
פאַר פרעמדע מענטשן פון אַ ווײַטן שפּעטער.

נאָר ווען פון ווערטער וועלן בלײַבן פלעקן —
וועט איינער אפשר פאָרשן זיי מיט חידוש
און פאַר דער פרעמדער וועלט וועט ער אַנטדעקן,
וועט ער אויף ס׳נײַ צונויפשטעלן מײַן יידיש.

און דעמאָלט ווען די שפּראַך וועט זײַן פאַרשטענדלעך
פאַר איר באַוווּנדערער, פאַר איר באַפרײַער —
די ווערטער וועלן דויערן אומענדלעך
און אייביק, ווי געשריבענע מיט פײַער.

געירשנט

פאר מײַן ברודער נחמן

דער טאַטע זיצט בײַם אָרעמטיש
און בענטשט אויף אַ כּזית
און זיסער ווערט מיר יעדער קריש
פון ברויט ווען איך צעקײַ עס.

די מאַמע ברענגט די הייסע גריץ,
איר קאָפּ שווימט אין דער פּאַרע,
נאָר אין דער וואַסערדיקער היץ
איך זע איר גוטע מראה.

די אָנגערײַשטע זופּ מע שלינגט
מיט שעפּטשנדיקע ליפּן,
נאָר ס׳דאַכט זיך מיר, אַז עמעץ זינגט
אין מיטן פונעם כּליפּען. — —

עס טרעפט נאָך איצט, אַז איך פאַרזאַם
אין יענעם אינדערוואָכן:
איך הער אַ כּליפּע טאָן אַ גראַם —
דער ריטעם ווערט געבראָכן.

גוטער זכרון

אַ מאָל איז דער זכּרון אויך אַ גוטער
און אַז מע בעט בײַ אים אַ טובה — טוט ער.

ער ברענגט אַ מאָל צוריק אַזש ביז דער ראיה
אַ בלימל פון דער קינדהייט אינעם בליִען.

און דעמאָלט וואַכט אויך אויף דער חוש־הריח —
און צו דעם עבר מיט אַ שפּרונג דערגיי איך. — —

די מאַמע רײַסט די האָר מיר מיטן קעמל.
מיט פּוטער שמירט זי אָן אַ ווײַסן זעמל.

זי טוט מיר אָן די קינדערישע קליידער
און פירט מיך אָפּ צום רבין אינעם חדר.

איך וויל נישט גיין אין חדר, כ׳בין אַ וויינער.
דער רבי האָט אַ מויל מיט געלע ציינער.

דער רבי האָט אַ גרויסן שוואַרצן סידור,
און דאָרט איז מיר דער אַלף־בית דערווידער.

נאָר ווען עס טריקענען זיך אויס די טרערן,
צעשייַנען זיך די אותיות ווי די שטערן,

באַהעפטן זייער ליכט אין גאַנצע ווערטער
און שטעלן זיך אויף וווּנדערלעכע ערטער,

און לייַכטן אָפּ פון גרויסן שוואַרצן סידור
אויף יאָרן שפּעטער — ביז אין מייַנע לידער.

קוואַדראַטן

איך האָב נישט דײַן קראַפט

איך האָב נישט דײַן קראַפט, אֱלֹוהַי,
און נישט דײַן פאַרמעג צו פאַרשווענדן.
צו־שנעל גייט מײַן לעבן פאַרבײַ,
אַז כ׳זאָל עס מיט לײַכטזין פאַרווענדן.

די צײַט ציילט מיר צו אירע טעג
און וויקלט זיי אײַן אין די יאָרן,
און אַלץ וואָס איך טאָר נישט און מעג
זי צווינגט מיך אין רגעס צו שפּאָרן.

איך ווייס, אַז עס איז שוין צו שפּעט
צו זוכן אַן אַנדערן דרך.
דאָס טראַכטן בלויז איז שוין אַ חטא. —
צו אַט דעם יאָרהונדערט געהער איך,

צו אַט דעם — פון כאַפּ און פון פּרעס,
פון שלטעווען אָדער פון קנײַען.
און ס׳איז נאָך פאַר מיר ווי אַ נס
די בלום, וואָס פאַרגעסט נישט צו בלײַען.

דער לעצטער פון באַשאָף

ואַחרי כּכלות הכּל — —
ווען פון דער ערד וועט זײַן אַן אַטאָם־פּאַקל.

דער לעצטער פון באַשאַף וועט זײַן אַ וואָרעם.
אַ שרץ אינעם אַש וועט זײַן אַ פּאָר אים.

און נאָך דער צײַט פון גרוילן און פון פּחדים,
פון וואָרעם ווערן וועט צוריק אַן אָדם.

און ווען ער וועט פון עץ־הדעת פאַרזוכן —
ער וועט אַ מאַסקע פאַר זײַן פּרצוף זוכן.

ער וועט געפינען. גאָט וועט זײַן די פאָרעם.
נאָר אין זײַן האַרץ פאַרבלײַבן וועט דער וואָרעם.

קוואַדראַטן

דערפֿאַר ווײַל מיר האָבן די הימלען פֿאַרראַטן,
מיר מוזן איצט וווינען אין הײַזער־קוואַדראַטן.

עס וועלן די הײַזער פֿון אַלטקייט זיך שפּאַלטן.
מיר קאָנען זיך דאָרט פֿון דעם טויט נישט באַהאַלטן.

פּירקאַנטיק די פֿענצטער, פּירקאַנטיק די טירן,
פּירקאַנטיקע בילדער די וועגנט דאָרט באַצירן.

און קײַלעכיק־איינציק בלויז זענען די בלומען.
זיי פֿילן זיך שלעכט, און זיי וועלקן, און שטומען.

די פֿרוי, וואָס קומט וואַשן און פּוצן און ראַמען —
זי וואַרפֿט זיי אַרויס מיט די מיסטן צוזאַמען.

זי שליסט אַ מאַשין אײַן און זייגט אויס די שטויבן,
און אַלץ, וואָס וויל בלײַבן און ליגן פֿון אויבן.

אַ ריינקייט זאָל זײַן אין די הײַזער־קוואַדראַטן —
די ריינקייט פֿון גאָרנישט וועט קיינעם נישט שאַטן.

די שופטים און דער לץ

זיי מישפּטן — די שופטים צוויי פון סדום.
זאָגט איינער: בים, דער צווייטער ענטפערט: באָם.
אַ טינטלער שרײַבט אויף פּאַרמעט אָן דעם פּסק,
אַ תּלין פּוצט און גרייט שוין צו די האַק.

און אונטן ליגט דאָס גאַנצע פאָלק אין שטויב
און זינגט אָן אויפהער צו די שופטים לויב.
אין לאַנד פון די געזעצן און די העק
הערשט אָרדענונג צוזאַמען מיט דער שרעק.

זיי מישפּטן — די שופטים צוויי פון סדום.
זאָגט איינער: בים, דער צווייטער ענטפערט: באָם.
און איבער זיי געוועלטיקט בלויז דער לץ,
ער האָט פאַר זיי געשריבן דאָס געזעץ.

ווי לאַנג נאָך?

ווי לאַנג נאָך וועלן דויערן די פאַרבן
אין אויג, ווי לאַנג וועט דויערן דאָס ליכט?
ווי שטויב, וואָס דרינגט אַרײַן אין אַלע קאַרבן,
דער טרויער דרינגט אַרײַן אין מײַן געזיכט.
נאָר יעדן טאָג באַגעגענען מיך מענטשן,
וואָס האָבן אין מײַן יוגנט מיך געקענט,
און פון דעם ליכט, וואָס האָט מײַן וועלט פאַרלענדט שוין,
זיי זענען ביז אַצינדערט נאָך פאַרבלענדט.

און זיי געדענקען מיך פון יענע יאָרן,
פון יענע גאַסן, און פון יענער שטאָט,
ווו פרייד און ווייטיק פלעגן שיין זיך פאָרן,
און אי צו זיך געצויגן, אי געדראָט.
זיי זאָגן, אַז איך האָב זיך נישט געענדערט,
און איך נעם אָן דאָס ווי אַ קאָמפּלימענט.
צי ווייסן זיי דען נישט אין וויפל לענדער
מען האָט נאָך מיר די שפורן אויסגעבערענט?

נאָר איך — איך ווייס! איך צייל און איך באַרעכן.
אַ שאַרפֿן חשבון שטעלט מיר צו די צײַט:
ס׳איז ווייניק, אַז מע זאָל אַ וועלט צעברעכן,
כּדי צו ווערן פּונעם עול באַפֿרײַט.
און כ׳ווייס אויך, וואָסער שטראָף אין דעם גיהנום
פֿון אייביקייט דער שׂטן האָט פֿאַרטראַכט:
פֿאַרלעשן דאָרט די פֿײַערן, וואָס ברענען,
און בלײַבן זאָל נישט מער ווי אַש און נאַכט.

געצן

מען האָט מיך אָפּגעלאָזן אין אַ וועלט מיט געצן.
איך טרעף זיי אָן ביַי יעדן קער און ווענד.
איך קאָן זיי נישט צעשטערן, — די געזעצן
פאַרשפּאַרן מיַין פאַרמעסט אין טורמעווענט.

האָב איך זיך צוגעוווינט זיי נישט באַמערקן.
איך מיַיד זיי אויס. איך גיי זיי פלינק פאַרביַי.
און אַז די ענגשאַפט הייבט מיך אָן צו ווערגן —
איך בליַיב נאָך אַלץ דעם וויַיטן הימל טריַי.

און דאָך, מיט צאָרן אָנגעגאָסן ווער איך,
און נאָך אַ מאָל באַגיי איך דאָס פאַרברעך.
איך נעם די געצן פונעם אַלטן תּרח
און ווידער איך צעשטער זיי און צעברעך.

אַזאַ אויסטערלישער טאָג

אַזאַ אויסטערלישער טאָג:
נישט צו פרייד און נישט צו קלאָג,
אָן אַ ריח, אָן אַ טעם,
און די וועלט האָט נישט קיין ראַם.
אַלע מענטשן זענען שטום,
אַלעביימער וואַקסן קרום,
און דער ווינט איז גאָר אַוועק
ערגעץ אין אַ ווייטן העק.
וואָס זשע, וואָס זשע טוט מען פאָרט?
אפשר וועט אַ וווּנדערוואָרט,
ווי אַ שם־המפורש־ווונק,
זיין דער גליִענדיקער פונק?
ניין, פון לאַנגן נישט־באַדאַרף
איז דאָס לשון מער נישט שאַרף,
טויג שוין מער נישט צום באַנוץ —
נישט פאַר שלעכטס און נישט פאַר גוטס,
נישט צו זיין מיט זיך אַליין,
נישט אַז יענער זאָל פאַרשטיין.

אַ שטאָק אויף אַ שטאָק

איך פלאַטער אין שטאָט, ווי מיט אונטערגעבונדענע פליגל.
דער הימל ווערט איבערגעשניטן מיט קאַנטיקע דעכער.
מיַין היים איז אַ טורמע — אַ פעסטונג פון שטיינער און ציגל,
און כ׳וווין דאָרט אַ לעבן, ווי איך וואָלט געווען אַ פאַרברעכער.

אַ שטאָק אויף אַ שטאָק — מיט גענויקייט די זעלביקע שטיבער,
די זעלביקע דירות, באַזעצט בלויז פון אַנדערע שכנים.
און אַלץ וואָס מיר טוען — ווי מאַלפּעס מיר חזרן איבער.
אַפילו ביַי נאַכט, ווען מיר כראָפּען — מיר כראָפּען אין איינעם.

צוזאַמען מיר קלעטערן איבער די זעלביקע שטיגן.
מיר קלאַפּן דעם זעלביקן שטויב פון די זעלבע דיוואַנעס.
די זעלביקע שעהען מיר נוצן אויף עסן, אויף ליגן.
דאָס זעלביקע וואַסער מיר גיסן אַריַין אין די וואַנעס.

דעם זעלביקן חלום מיר חלומען אַלע צוזאַמען.
מיר וועקן זיך איבער ביַי נאַכט אין די זעלביקע פחדים:
די דירות, אַ שטאָק אויף אַ שטאָק, אין די זעלביקע פלאַמען —
אין ערגעץ איז מער שוין נישטאָ קיין אַרויסגאַנג, קיין אָטעם.

און ווען אין דער פרי שיַינט די זון אין די זעלביקע פענצטער,
מיר טוען זיך אָן אין די זעלביקע וועשן און קליידער.
מיר גייען אַראָפּ אויף די זעלביקע טרעפּ, ווי געשפּענסטער —
און לעבן דעם היַינטיקן טאָג מיטן נעכטיקן סדר.

מיר וועלן פֿאַרמאַכן די טירן

מיר וועלן פֿאַרמאַכן די טירן
און בלײַבן אַליין בלויז, אין צווייען.
מיר וועלן פון אָרט זיך נישט רירן —
און זאָל זיך די וועלט איבערדרייען.

מיר וועלן נישט הערן דאָס רוישן
פון רעדער אויף ווײַטע שאָסייען.
יאָרהונדערטער וועלן זיך טוישן —
און זאָל זיך די וועלט איבערדרייען.

אין אינדיע וועט כליאַפּען אַ רעגן,
אין רוסלאַנד וועט וויוגען און שנייען,
און מיר וועלן גאָרנישט נישט פרעגן —
און זאָל זיך די וועלט איבערדרייען.

מוזיק וועט באַהעפטן די פריידן
און אויסברעכן וועט זי אין ווייען,
און מיר וועלן מער זיך נישט שיידן —
און זאָל זיך די וועלט איבערדרייען.

מיר וועלן פון אָרט זיך נישט רירן
און בלײַבן אַליין בלויז, אין צווייען.
און זאָלן זיי רײַסן די טירן —
און זאָל זיך די וועלט איבערדרייען.

צוריקגעקומען

איך בין צוריקגעקומען פון דער רייַזע
צום זעלבן ווינקל אין דעם זעלבן לאַנד.
איך האָב געבראַכט די בענקשאַפט און דאָס טרייַ זייַן.
יאָ, אַלץ איז ווי אַ מאָל, און גוט באַקאַנט.

צוריקגעפלויגן בין איך איבער ימען.
פאַרלוירן האָב איך אויפן וועג אַ נאַכט.
און איצטער, מיט די אייגענע צוזאַמען —
כ'בין ווידער פון דער ענגעניש פאַרמאַכט.

אַזוי האָב איך געענדיקט מייַן צוריקקער:
די ליבשאַפט ווערט מיט ביטערקייט געמישט.
זייביידע וועלן רייַסן פון מיר שטיקער,
נאָר זיך פון זיי באַפרייַען — וויל איך נישט.

שפעט

שפּעט.
די גאַס ווערט עלטער.
מיר דוכט זיך כּסדר,
אַז ס׳פּעלט ווער.
יעדן טאָג
פֿאַרשווינדט אַ פּנים,
יעדן טאָג
לאָזט מיך עמעצער איבער.

אַ לוויה.
איך הער די הספּדים
פֿון חברים געטרײַע.
מע שיט,
מע פֿאַרשיט
מיט ערד
און מיט רייד אים.

שפּעט.
עס טוישן זיך שכנים.
דורך טירן פֿאַרמאַכטע
איך הער,
ווי מע רעדט,
ווי עס לאַכט ווער.

עמעצער איז דאָרט פֿאַראַנען,
נאָר איך קען שוין נישט קיינעם.
איך בין שוין כמעט נישט פֿון דאַנען.

די צײַט פון פּאַר נאַכט

די צײַט פון דער טומאה, די צײַט פון פּאַר נאַכט,
די צײַט ווען דער שׂטן נעמט איבער די מאַכט.

ער זאַמלט די שדים אין העק פון דער שטאָט,
צעזעצט זיי אַרום און אַרום אין אַ ראָד.

אַ קופּע פון מיסט און אַ שטויס מיט פּאַפּיר.
דעם ווײדל טוט יעדער אַ פּיר און אַ שמיר,

און שרײַבט אָן דעם אַשמדאיס רום און זײַן לויב,
און שיט אויף דער אייביקייט טאָנען מיט שטויב.

דער אַשמדאי קיניגט, די שדים — אַרום.
ווי ווײַרויך די חניפה צעשלענגלט זיך פרום.

און יעדער באַמיט זיך געפינען אַ שבח,
וואָס מ׳האָט נאָך ביז איצט נישט באַנוצט אין קיין שפּראַך.

דער שׂטן הערט אויס און ער שוויַגט, ער פּאַראַכט:
פון גאָט האָט ער איבערגענומען די מאַכט.

קינדערישע פיסלעך

איך ווין שוין יאָרן אויף דעם הויף,
שוין יאָרן.
איך קען דאָ אַלע טויבן־פּאָרן,
דעם דראָבנעם לויף
פון קינדערישע פיסלעך —
אַ מאָדנער ריטעם
פון טאַנצן און זיך יאָגן.
זיי וועלן מיך דערגרייכן און דערשלאָגן —
די קינדערישע פיסלעך.

און איידער נאָך דאָס ווערט פאַרדריסלעך —
זיי טוען אָן שוין זעלנערישע שיך,
און נישט זיי לויפן,
נאָר זיי גייען גיך,
גיך.
אַ מאָדנער ריטעם
פון טרעטן און פון שפּאַנען.
איך פּרוּוו זיך צו דערמאַנען
די קינדערישע פיסלעך
צוריק מיט יאָרן. — —
זיי שיטן זיך און שיטן,
און קלאַפּן אין מײַן אָרון.

אַליין

די חיות פֿאַרשווינדן.
דער מענטש בלײַבט אַליין אויף דער וועלט.
באַלד וועט שוין נישט בלײַבן פֿון וועמען צו שינדן
די פֿוטער און פֿעל.

די פֿייגל פֿאַרשווינדן.
פֿון רויכן זיי ווערן פֿאַרסמט.
זיי פֿאַלן אַראָפּ פֿונעם הימל צום בלינדן
און שוואַרצן אַספֿאַלט.

דיביימער פֿאַרשווינדן.
זיי לעכצן נאָך טוי אין דער פֿרי.
פֿאַרצווייפֿלטע לויפֿן די ווינטן
און זוכן דעם בלי.

די חיות, די פֿייגל, די ביימער פֿאַרשווינדן.
דער מענטש אויף דער וועלט בלײַבט אַליין,
און קיינער וועט אים נישט פֿאַרבינדן
מיט שטאָם און געביין.

דודס ליד

כ׳בין אויסגעהונגערט נאָך דעם קילן גראָ
און נאָך די שאָטנס פון אַ טיפן וואַלד.
קיין שטילקייט איז אין אונדזער לאַנד נישטאָ,
און נאָר פון פײַער איז דאָ גאָטס געשטאַלט.

אַ זומער האָט מיך ווידער דורכגעברענט
און אויך דער האַרבסט מיט אַ כאַמסין איצט שפּײַט,
און איך אַנטלויף און שיץ זיך אין די ווענט —
פון מײַנע שונאים און פון זייער צײַט.

אין איינזאַמקייט איך הייב ערשט אָן פאַרשטיין
די שרעק און דאָס געבעט אין דודס ליד,
פאַר וואָס דער מידבר האָט מיט זאַמד און שטיין
זײַן וואָגלטראָט געשטאָכן און געבריט.

און כאָטש איך שלאָף איצט אין דעם ריינעם בעט,
און זיבן שלעסער הענגען אויף מײַן טיר,
און אויפן ווייכן דיוואַן שטיל איך טרעט,
און אָפּגעהיטן איז מײַן יעדער ריר —

די שׂינאה איך דערפיל, און זי דערטראָגט
די מידבר־זון, וואָס ברענט און נישט זי שײַנט,
און דודס תּהילים־ליד, וואָס זינגט און קלאָגט:
— אַרומגערינגלט האָבן מיך די פײַנט...

דער שמייכל

דער שמייכל איז פול שוין מיט קנייטשן
און אויך מיט אַ קלוגן פֿאַרגעבן,
און ביטער געגנוג — ער פֿאַרשטייט שוין
די ברעכלעכע שיינקייט פֿון לעבן.

ער שטערט נישט ווען איך בין דער רעדער.
ער הערט אויס אַפֿילו די גראַמען.
ער ווייסט, אַז דאָס בויט אויס מײַן פּעדער
די גוטוויליק־אייגענע צאַמען.

אַנישט — וועט מײַן לעבן צעשפּרינגען,
צערײַסן פֿון דויער די קייטן.
דער אומעט וועט מער שוין נישט זינגען,
די שיינקייט וועט שטאַרקער גאָך וויי טאָן.

וואָרצלען

*
**

איך מוז! איך הייב אָן ווידער פון דאָס נײַ!
נאָר דווקא איצט, ווען כ׳גיי אַראָפּ פון קײַלעך,
לויפט שנעלער יעדע שיינע זאַך פאַרבײַ,
און דוכט זיך, אַז אויך גייענדיק פּאַמעלעך, אײַל איך.

זאָל זײַן! איך וואַרף זיך אונטער דעם געזעץ,
דעם ליבן־גרויזאַמען פון בל׳יען־וויאַנען.
די חכמה פונעם בײַטן זיך איך שעץ,
כאָטש כ׳וויל נישט, אַז מע זאָל מיך דאָס דערמאַנען.

בלויז איין באַגער פאַרבאָרג איך און באַהאַלט:
דער פרילינג זאָל זיך לאָזן פון מיר נאַרן,
און אויב ער שטויסט זיך אָן אויף מײַן געשטאַלט —
זאָל אים די גראָקייט פון מײַן קאָפּ נישט אַרן.

אין חודש מאַרץ

די טויב זיצט ווידער אין איר נעסט
און לייגט שוין דאָרט דאָס קליינע איי,
און איך זוך אַלץ נאָך אַ פּאַרמעסט —
און בלויז די ווײַט איז מײַן דערפריי.

איך ווין איצט אין אַ שמאָלער גאָס,
און אײַנגעטונקט איז זי אין גריין,
און דאָרט שפּאַציר איך פּוסט־און־פּאַס
און זוך אין ליידיקגיין אַ זין.

און יעדן איינעם אינדערפרי
איך זוך נאָך־נישט־גערעדטע רייד,
און פאַר דעם נײַעם חלום־פּלי
איך וויל געפינען אַ באַשייד.

ניין, ס׳איז, חלילה, מיר נישט ענג
אין אָט דער שמאָלער גאָס אין סכך.
איך ווייס נאָר נישט, פאַר וואָס איך בענק
צו לענדער און צו שטעט אַ סך.

אויף צו פיל ערטער ווינט מײַן גליק —
דאָס בענקען טוט דערפאַר מיר וויי...
איך וועל שוין וואַרטן אויפן פּיק
פון יונגן טײַבעלע אין איי.

⁂

אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר נאָך אַ שיינעם זומער,
אַ דאַנק דיר פאַר דעם בוים אין פולן גרין.
און כאָטש מע זאָגט, אַז איך בין נישט קיין פרומער —
אין יעדן ליד מײַנס נאָר צו דיר איך דין.

אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר נאָך אַ זומער שפּעטער,
פאַר יעדער זײַן געזעגענונג — אַ דאַנק.
אויך הײַיאָר וועט ער זײַן דער גוטער רעטער
פון גאָר דער לעצטער פרייד — פון מײַן געזאַנג.

אַ דאַנק דיר, גאָט, איך קען דיך נישט בײַם נאָמען.
און כאָטש איך שטיי פאַר דיר נישט אויף די קני,
בין איך דיר אונטערטעניק ווי דער זאָמען,
וואָס ווייסט, אַז ער פאַרשווינדט צוליב דעם בלי.

⁂

די גראָזן זענען גוט און פרום,
ווי ערשט פון גאָט אַליין באַשאַפן.
זיי קוקן גרינגע זיך אַרום
און אויף אַ יעדער פאַרב זיי גאַפן.
אויך איך ווער איצטער שטיל און קליין
אין אָט דער וועלט פון כולו חידוש.
איך בין מיט גאָט — איך בין אַליין —
און תּפילהדיקער ווערט מײַן ייִדיש.

און ווי נאָר שטיל און קליין איך ווער,
געשעט מיט מיר דאָס גרויסע ווונדער,
אַז איך דערזע אַלץ מער און מער,
און יעדע איינע זאַך — באַזונדער.
און גאָרנישט איז פאַר מיר פאַרשטעלט,
און קיינער שטייט נישט מער אין גרויסן —
ווי יעדן איינעם אויף דער וועלט
געוואָלט וואָלט דער באַשעפער אויסן.

גלייביק

מע זאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין גוטער סימן —
זיך חברן מיט גראָזן און מיט ביימער
און נעמען זיך פאַר אַלעמען באַרימען
מיט קענטעניש פון זייער שפּראַך געהיימער;
מע זאָגט, אַז מיט די גראָזן רעדט מען שטילער,
אַז מיט די ביימער מוז מען אַנדערש לאַכן —
אַז שטאָט אַ ווייסער, ווערט מען אַ דערפילער
פון אַלע גוטע שוויַיגנדיקע זאַכן.

מע זאָגט. נאָר איך לאָז גערן זיך פאַרפירן
פון זייער כּישוף אין די ווינטערשלאַקסן
צו גרונטן, ווו די וואָרצלען נעמען רירן,
כּדי זיך דורכצוברעכן אינעם וואַקסן.
און גוט איז מיר: איך הער זיך אויף צו שרעקן,
אַז אָט די שוואַרצע ערד איז שרעקלעך אייביק.
איך ווייס, אַז אויך ווען זי וועט מיך פאַרדעקן,
וועל איך פאַרבלייַבן וואַקסנדיק און גלייביק.

ביימער

אַזוי פֿיל ביימער — מערער נאָך פֿון מענטשן! —
און דאָך האָב איך אַ סך פֿון זיי באַקענט שוין.

ווײַל יעדער בוים האָט אויך זײַן אייגן פּנים,
ווי גאָט וואָלט נישט געקאָנט באַגיין זיך אָן אים.

מסתּמא איז דאָס פֿון באַשאַף דער וווּנדער:
פֿון זעלבן מין, נאָר אַנדערש און באַזונדער.

און אָט דער וווּנדער איז אַזאַ געהיימער,
אַז מ׳האָט אים אָנגעטרויט בלויז פֿאַר די ביימער.

איך גיי אַרויס אין פֿרילינג־אינדערפֿריִען
און קוק זיך צו ווי צניעותדיק זיי בליִען.

איך גיי אַרויס אין האַרבסטיקע פֿאַרנאַכטן
און הער זיך אײַן, ווי טרויעריק זיי טראַכטן.

נאָר ניין! כ׳וועל נישט דערזען און נישט דערהערן —
זיי וועלן שיקן מיך צו ווײַטע שטערן.

און אפשר ווײַטער נאָך — צו גאָט דעם בורא.
ער האָט נאָך אין בראשית זיך געשווירן,

ער זאָל נישט נעמען קיין מאָל פונעם גרייטן —
אַ פּנים זאָל נישט ענלעך זײַן צום צווייטן.

אַ געלער פלעק

אַ געלער פלעק אַרײַן איז אינעם בוים —
דער ערשטער סימן פון זײַן האַרבסט און זיקנה.
באַלד וועט אַ נעפּל אין פּרימאָרגן־שוים
די בלעטער זײַנע דרייען און פאַרוויקלען.

און כאָטש איך זע דאָס שטענדיק, יאָר נאָך יאָר,
האָב איך געמיינט, אַז דאָס מאָל זײַן וועט אַנדערש.
איך האָב זיך אײַנגערעדט, אַז מײַנע האָר,
די שוואַרצע, גרויען נישט פון צײַט און וואַנדער.

אַזוי פיל מאָל פון האַרבסט און פון געפאַר
האָט מיר זיך אײַנגעגעבן צו אַנטרינען.
דער געלער פלעק האָט מיך געמאַכט צו נאַר —
איך וועל שוין קיין מנוחה נישט געפינען.

יעדער טאָג

די בלעטער פֿון דיביימער ווערן געל.
די האַרבסטזון לייגט אויף זיי אַוועק דאָס גאָלד.
און יעדער טאָג אַזאַ, וואָס איך פֿאַרפֿעל,
איז טאַקע דער, וואָס אים האָב איך געוואָלט.

איך קאָן איצט זיצן ביזן חודש שבט
און איינהאַלטן דעם אויסגעשריי פֿון גליק.
די בלעטער וועלן פֿאַלן בלאַט נאָך בלאַט
און איך וועל ציילן יאָרן אויף צוריק — —

אין צפֿון־הימל וואַרטן שוין די זעק,
די אָנגעפּראָפּטע מיטן נאַסן ווינט.
און יעדער טאָג אַזאַ, וואָס גייט אַוועק,
איז טאַקע מייַנער — ווען דער טאָג פֿאַרשווינדט.

פֿאַר זיי

איך בייג זיך און בוק זיך אַנידער
פֿאַר בלומען די בלאָע און ראָזע.
פֿאַר זיי שרײַב איך אַלץ נאָך די לידער —
פֿאַר זיי טויג נאָך אַלץ נישט קיין פּראָזע.

ניין, קיינער וועט מיר נישט פֿאַרווערן
צו קלויבן פֿאַר זיי מײַנע ווערטער,
און דעמאָלט זיי זאָלן ערשט ווערן
געקליבענער נאָך און דערהערטער!

די בלומען — זיי וועלן פֿאַרוויאַנען.
אין ליד וועלן לעבן די פֿאַרבן.
און איך וועל ערשט וויסן פֿון וואַנען
עס נעמט זיך דער טרויער פֿון שטאַרבן.

וואָרצלען

ביז וואַנען ציִען זיך די וואָרצלען פון די ביימער?
אין דער אומענדלעכקייט זיי ווערן דין און דינער,
און גרייכן ביז אַ טיפעניש געהיימער —
און דעמאָלט, גאָט, זיי ווערן דײַן געפינער.

זיי האָבן מער שוין נישט אויף וואָס צו פרעגן.
זיי האָבן שוין דערשפּירט דעם טעם פון אייביק
אין דער באַהאָפטנקייט פון ערד און רעגן.
זיי זוכן נישט, זיי ווערן פרום און גלייביק.

פאַרוועלקטע בלעטער

פאַרוועלקטע בלעטער אויף די ברעגן פון דער סענע —
זיי זענען פונקט די זעלביקע ווי יענע,
וואָס איך האָב דאָ מיט מײַנע פיס געטראָטן
ווען יונג געווען אַפילו איז מײַן שאָטן.
זיי שורשען מיט דער זעלבער שפּראַך געהיימער
זכרונות וועגן בלי‏ענדיקע ביימער,
וואָס האָבן זיך דער גרינקייט אָפּגעגעבן —
ווי אַלע מאָל זכרונות פונעם לעבן...

אויך איך האָב אויף דעם ברעג אַ מאָל געזומערט.
אויך מיך האָט דאָ אַ מאָל דער האַרבסט פאַראומערט.
נאָר ווער האָט חשק אויף צוריק צו ציילן
און וועגן אַלטע זאַכן צו דערציילן?
איז טרעט איך ווידער אויף פאַרוועלקטע בלעטער
און איך פאַרגעס וואָס פריער און וואָס שפּעטער.
דעם עבר, ווי אַ גרוב, איך וועל פאַרדעקן —
אַז דאָס פאַרגאַנגענע זאָל מיך נישט שרעקן.

פּאַריז, נאָוועמבער 1976

אָפּגענומען

דער מאָלער האָט זײַן קבֿר אױפֿגעבראָכן
און אױסגעפּרוּווט פֿון זײַן סקעלעט די קנאָכן.

נו זיכער, נישט עלאַסטיש װי בײַם לעבן,
נאָר מילא, ער װעט זיך אַן עצה געבן.

ער האָט חרטה אױף די אַלע בילדער,
װאָס זענען איצט אי װילדער און אי מילדער.

ער האָט בײַם לעבן זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן
פֿון אױג — ער האָט פֿאַרגװאַלטיקט די קאָלירן.

איצט הענגען זײ, די בילדער, אין גאַלעריעס,
װי פֿלעקן פֿון די פּחדים און היסטעריעס.

ער האָט רשות געגומען פֿונעם שׂטן
צו װאַנדערן אַ נאַכט דאָרט, װי אַ שאָטן,

און פֿון די אַלע בילדער אָפּצונעמען
די פֿאַרב, און לאָזן ליידיקע די ראַמען.

ער וואַנדערט איבער הײַזער און מוזייען.
די בילדער זײַנע בלייכן און פֿאַרגייען.

און אין דער פֿרי, ווען ס׳קומען אָן די וועכטער —
די רעמען ברעכן אויס מיט אַ געלעכטער.

דאָס ערשטע ליכט

איך קאָן נאָך אַלץ נישט אויפשטיין אין באַגינען,
ווי מענטשן האָרעפּאַשנע שטייען אויף.
אַ שטיקל פונעם טאָג וויל איך געווינען —
פאַרענדיקן דעם חלום ביזן סוף.

און דאָך, אַז דאָס געשעט אַ מאָל, גאַנץ זעלטן,
אַוודאי דריי מאָל אין דעם גאַנצן יאָר —
אַנטפּלעק איך פּלוצלינג וווּנדערלעכע וועלטן
און פון דעם חלום שענער ווערט די וואָר.

איך זע, ווי אין דעם הויז פון מיר אַנטקעגן
עס צינדט זיך אָן אין ליכט די ערשטע שויב.
ווער איז דער מענטש? ביי וועמען זאָל איך פרעגן?
ווער שיקט דאָס ערשטע ליכט אַרויס ווי נחס טויב?

איצט שלאָפן נאָך די פייגל אין די נעסטן.
אין הימל שפּראָצט נאָך נישט דער נייער טאָג.
און אָט דאָס ערשטע ליכט וויל זיך פאַרמעסטן
מיט גאָר דעם חושך אין זיין שוואַרצער וואָג.

נאָר ס'הייבן אָן צו צינדן זיך די שויבן
און קענען מיר שוין לייכט דאָס גאַנצע הויז.
אין הימל פלאַצן שטערן ווי די טרויבן
און גיסן זייער גרינעם זאַפט דאָרט אויס.

און אויך די פֿייגל קאָנען מער נישט שווײַגן —
אַ פֿלאַטער פֿון די פֿליגל און אַ רוף.
אַ שאָרך, אַ ווינטל פֿלאָנטערט אין די צווײַגן,
און דער באַגינען איז זײַן ערשטער פּרוּוו.

און באַלד שפּאַרט אָן דאָס ליכט פֿון אומעטום —
אָן אָנגעפּלייץ פֿון וואַרעמקייט און קראַפֿט.
עס רוישט דער טאָג. איך איינער בלויז בין שטום
און אָנגעשיכּורט פֿון זײַן ווײַסן זאַפֿט.

אַ סוד

דער שמייכל גייט ערשט איבער אין אַ לאַך.
איך וויל בײַם קינד דערוויסן זיך אַ זאַך,

וואָס איז באַדראָט פון רויש און פון פאַרגעס,
און כ'פּרווו דאָס אָפּצוראַטעווען בנס:

דעם סאַמע־סאַמע אָנהייב פון אַ קלאַנג,
ווי לאַנג די שטילקייט טראָגט אים אויס, ווי לאַנג.

און גליקלעך בין איך ווען די שאַרפע רייד
דערהער איך ווייך און קינדעריש פאַרדרייט.

דער שמייכל גייט ערשט איבער אין אַ לאַך.
די ווערטער בינדן זיך און ווערן שפּראַך,

און העלפן צו פאַרשלייערן דעם סוד,
וואָס נאָר דאָס קינד קאָן ברענגען מיר פון גאָט.

צום אַוועקגיין

איך שטיי בײַ דער טיר צום אַוועקגיין.
אין בעטעלע שלאָפֿט שוין דאָס קינד.
מײַן טאָכטער, דו דאַרפֿסט זיך נישט שרעקן,
אויב איך וועל אַרויס צו דעם ווינט.

איך בין שוין צו אים אַ געוווינטער,
זײַן ריח קען איך פֿון דער פֿרעמד.
נאָר ווען ער באַגעגנט מיך, שטוינט ער
און נעמט מיך אַדורך ביזן העמד.

און ער וועט שוין זײַן מײַן באַגלייטער.
די וואַרעמקייט לאָז איך דעם קינד.
ווי איך, צו דעם וואַנדער אַ גרייטער,
עס וואַרט שוין אין דרויסן דער ווינט.

אַליין

מײַן טײַערע, איך נעם דיך איצט נישט מיט.
איך מוז אַ ווײַלע זײַן מיט זיך אַליין.
דערפֿאַר, ווען דו וועסט לייענען דאָס ליד,
וועט עפּעס זײַן, וואָס דו וועסט נישט פֿאַרשטיין.

אַ ל י י ן — דאָס וואָרט איז ביטער ווי דער גרויל,
נאָר איצטער, ווי דאָס וואַקסנדיקע גליק,
די שפּראַך לויפֿט אָן אין האַלדז מיר ווי אַ קנויל —
איך זוך אין איר אַן אָנהייב צום צוריק.

איך זוך, און קיינער טאָר נישט זײַן דערבײַ,
ווען מיר ווערט אָנגעטרויט דער שטילסטער סוד.
זײַ רויִק, טײַערע, איך בין דיר טרײַ,
אויך דעמאָלט, ווען איך בלײַב אַליין ווי גאָט.

אַ רגע

דער זאַפט פון רויער פרוכט איז ביטער
און פון דער רייפער — זיס און זויער.
אין אונדזער ביידנס בלוט אין ציטער
איז אויסגעמישט דאָס גליק מיט טרויער.

אַ רגע בלויז דער ציטער דויערט —
די רגע פונעם זײַן צוזאַמען.
אויף אָט דער רגע הענגט און הויערט
די אייביקייט פון אַלע שטאַמען.

אַז קיינער וועט נישט בלײַבן

פאַר הדסה

אַז קיינער וועט נישט בלײַבן חוץ אונדזביידן —
מיר וועלן מער נישט טאָרן זיך צעשיידן.

נישט וועלקן וועלן מער די גרינע בלעטער.
אומשטאַרביק ווערן וועלן מיר ווי געטער.

און ס׳וועט אַ קול נישט רופן מיך: אַיֶכָּה?
און צו דער בייזער ווירקלעכקייט נישט וועקן,

כּדי אונדז צו צעשטערן יענעם חלום,
וואָס דער גן־עדן האָט אונדז אויסגעמאָלן.

מיר וועלן ווידער גיין אַרומגענומען
און נישט פאַרלירן זיך אין די אַרומען.

נאָך אַלע פאַרגעניגנס שוין געהאַטע,
נאָך אַלע יאָרן אָפּגעלעבטע, זאַטע,

מיר וועלן ווידער זאַלבעצווייט זיך שעמען
און אָנטאָן אונדזער נאַקעטקייט מיט נעמען.

און קיינער וועט נישט בלײַבן חוץ אונדז ביידן
אין קליינעם און אין גליקלעכן גן־עדן.

אַרויסגעגאַנגען זענען מיר צוזאַמען...

אַרויסגעגאַנגען זענען מיר צוזאַמען,
אַרויסגעגאַנגען אין אַ לאַנגען וועג.
און אויסגעפּרוּווט מיר האָבן אַלע טַעמען,
די זיסע און די ביטערע, פון טעג.

איצט קלאַמערסטו זיך פעסטער אין מײַן אָרעם
און דײַנע אויגן פרעגן מיך: וווּהין? —
מײַן שפּראַך איז צו פיל אָפּגענוצט און אָרעם,
אַז איך זאָל קאָנען שילדערן דעם מין,

און אויך דעם סדר פון די אַלע פאַרבן,
וואָס וואַרטן ערגעץ, בײַ מײַן לעצטן טראָט —
די רגע צווישן אייביקייט און שטאַרבן,
די רגע צווישן שטאַרביקייט און גאָט.

און קום איך אָן — לאָז איבער מיך, לאָז איבער.
דעם לעצטן טראָט דאַרף איך אַליין דערגיין.
דו בלײַב, און קוק אויף יענער זײַט אַריבער,
און זע, ווי כ׳ווער פאַרוואַנדלט דאָרט אין שטיין.

דערנאָך — קער אום זיך צו דעם גרעסטן וווּנדער,
דו גיי צוריק צו אַלץ וואָס לעבט און שווינדט,
און טרייסטן וועט דיך אין דײַן זײַן באַזונדער
דער נישט געשטילטער דרויסנדיקער ווינט.

פאַר נאַכט

דאָס ליד האָב איך געשריבן שוין פאַר נאַכט —
אַ ליד, וואָס האָט נישט ליב די העלע שייַן.
די שאָטנס האָבן ניגון מיר געבראַכט
און אָנגעגאָסן אין די ווערטער — וויַין.

און ס׳האָט געפעלט מיר בלויז דער לעצטער פערז.
די טיר האָט זיך געעפנט אומגעריכט —
דייַן טראָט האָב איך אַפילו נישט דערהערט —
און אָנגעצונדן האָסטו מיר דאָס ליכט.

און איך האָב נישט געענדיקט שוין דאָס ליד,
דער לעצטער פערז ביז איצטער מיר נאָך פעלט.
עס טרעפט, אַ לעבן ווי אַ רגע פליט,
אַן אָוונט דויערט ווי די גאַנצע וועלט.

אינהאַלט

פאַרלעשן נישט

פאַרלעשן נישט 9
נעם צו 10
⁂ (אין טעגלעכן) 11
סודות 12
ביז צו אַלע סופן 13
יעקבס לייטער 14
פאַראַן אַ מלאך 15
איך בין אַוועק 16
פּאַמעלעך 17
אויף אַ פּעטליע פון ליכט 18
⁂ (מיין גאָט) 19
וואָס זאָל איך טאָן 20
בלעטער פונעם קאַלענדאַר 21
⁂ (די קורצע לידער) 22
⁂ (די שפּעטערדיקע יאָרן) 23
⁂ (די צײַטן) 24
מיט אַלע צייכנס 25
⁂ (דאָס ביסל לשון) 26
דער אמת איז 27
דער נײַער טאָג 28
זכּרון 29
באַהיט 30
מיטן נאָענטסטן וועג 31
⁂ (און אַז די פאַרבן) 32
⁂ (צי זעבען אויסגעשעפּט) 33
נעפּל 34
נאָך אַ פּרווו 35
די שטילקייט קומט 36

געירשנט

אַ נײַער אָנהייב 39
⁂ (אַזוי פיל ווייטיק) 40
די נײַע יאָרן 41
נאָכן ברענען 42
ווער איז ער 43
⁂ (די שטורעם־כמאַרע) 45
ערד־ציטערניש 46
קולות 48
די וואַנט 49
די שיך 50
נישט געזעטיקט 51
די טרײַסטע 52
⁂ (איך מוז) 53
דער חלום פאַרשטייט 54
⁂ (אַזאַ איז דאָס ליד) 55
אַ שפּליטער 56
נאַראַיעוו 57
זײַן דענקמאָל 59
די אַלע ווערטער 60
געירשנט 61
גוטער זכּרון 62

קוואַדראַטן

איך האָב נישט דײַן קראַפט 67
דער לעצטער פון באַשאַף 68
קוואַדראַטן 69
די שופטים און דער לץ 70
ווי לאַנג נאָך 71

געצן	73
אזא אויסטערלישער טאָג	74
אַ שטאָק אויף אַ שטאָק	75
מיר וועלן פאַרמאַכן די טירן	76
צוריקגעקומען	77
שפּעט	78
די צײַט פון פאַר נאַכט	80
קינדערישע פּיסלעך	81
אַליין	82
דודס ליד	83
דער שמייכל	84

וואַרצלען

⁂ (איך מוז)	87
אין חודש מאַרץ	88
⁂ (אַ דאַנק דיר, גאָט)	89
⁂ (די גראָזן)	90
גלייביק	91
ביימער	92
אַ געלער פלעק	94
יעדער טאָג	95
פּאָר זיי	96
וואַרצלען	97
פאַרוועלקטע בלעטער	98
אָפּגענומען	99
דאָס ערשטע ליכט	101
אַ סוד	103
צום אוועקגיין	104
אַליין	105
אַ רגע	106
אַז קיינער וועט נישט בלײַבן	107
אַרויסגעגאַנגען זענען מיר צוזאַמען	108
פאַר נאַכט	109